דער טמקעלער

דער חָתן

אַ שפּאַס אין איין אַקט

פאַרלאַג

„בר. לעווין-עפּשטיין און שותפים" וואַרשע

1920.

314

12

314

דער טונקעלער.

דער חתן.

אַ שפּאַס אין איין אַקט.

פערלאַג „בר. לעווין-עפּשטיין און שותּפים“
ווארשא - 1920.

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

פערזאָנען:

גאָרגעלשטיין — אַן אַלטער בחור.

וועלוועל,
חאַשע — זיין ווייב.
שמואל,
אַ מיידעלע — זיינס אַ טאָכטער.
לייוויק,
זינאַ — זיין ווייב.
שכנים

ערשטער שדכן.
צווייטער שדכן.

Drukarnia
L. Lewin-Epsteina
Warszawa, Pawia 78

אַ דורכגאַנגס-צימער פון אַנ'אַלטען בחור. רעכטס—אַ טיר, וואָס פיהרט צום שכן יועלי-וועל. אין הינטער־גרונד—אַ טיר אין־דרויסען און אַ פענסטער, דורך וועלכען עס זעהען זיך טרעפּ צו אַ מיידעס־שטיבעל, וואו עס וואוינט שמואל. שבת־צו־נאַכטס. אויפ'ן טיש אַ ברענענדי-גע לאָמפּ מיט אַ צעבראָכענעם אבאַזשור; אויף די ווענט, וואו־נישט־וואו, הענגען אַלטע בגדים, פ'רוב הדיזען. אויפ'ן טיש—אַ שטיקעל חלה, אַ שטיקעל פּוטער אויף אַ פּאַפּירעל, עטליכע ביכ-לעך, פּאַפּיר, טינט און פעדער, אַ שיך־באַרשט, אַ ציהן־בערשטעלע, ציינן-פּראָשעק, שוה־וואַקס וכדומה. גאָרגעלשטיין—אַנ'אַלטער פליכטוואָסטער בחור, וואָס בעשעפטיגט זיך מיט פּראָ-שעניעס־שרייבען, דירות־מעקלעריי און מיידלעך־לעהרעריי, ליגט אין בעט אונטער'ן קאָלדרע אין טונקעלע פּאַסאַוועס הויזען, אין אַ ווייסען, גאָר שמוציגען זשילעט... עס לויפען־אַריין צוויי שדכנים. דער ערשטער—אַ יונגערער, האַלט זיך פאַר אַ היינטמאָדישען, אין אַ האַרטען קאַפעליוש; דער צווייטער — אַנ'אַלטמאָדישער ייד, אין אַ קאַשקעט; ביידע מיט שירעמס.

ערשטער שדכן

ליגסט גאָר אין בעט?! אונטער'ן קאָלדרע?! מיר האָבען דאָך עפּיס אָבגערעדט: תיכּף נאָך הבדלה זאָלסטו קומען צוקוקען די כלה!

צווייטער שדכן

דאָרט זיצט־מען און מען וואַרט—די כלה, די מחותּנים, און ער גאָרנישט! ווי נישט איהם מיינט־מען!

ערשטער שדכן.

האָסט גאָר קיין אוואַזשעניע נישט פאַר מענשען?! איך פער-שטעה נישט דיין פּסיכאָלאָגיע. דיין לאָגיקע.

צווייטער שדכן.

דאָס וועט זיין, אַז זיי וועלען אַ שפּיי טון אויפ'ן גאַנצען שידוך און פּטור! האָסטו געוועהן—אַ מענש זאָל אַזוי ציהען און ציהען, חי פון פעך, און גאָרנישט! הרשים דאַרף מען נאָך איהם נאָכ-לויפען!

ערשטער שכן.

האָסט אפשר גאָר חרטה געקריגען? אפשר האָסטו זיך מישב געווען, אַז דו טאָרסט נישט חתונה האָבען?

צווייטער שכן.

וואָס הייסט ער טאָר נישט? וואָס איז ער קיין מאַנסביל נישט? אַ טומטום? אַנ׳אַנדרוגינוס?

ערשטער שכן.

איך ווייס? ער האָט זיך דערמאָהנט, מען דאַרף געבען אַ ווייב עסען!

צווייטער שכן.

שטותים! אַ ווייב גיט מען נישט עסען, אַ ווייב נעהמט אַליין.

ערשטער שכן.

האָסט זיך אפשר ווידער דערמאָהנט—אָרימקייט, דחקות, דאגות-הפרנסה, „אָבסטאַיאַטעלסטוואָ", וועסט נישט האָבען וואָס צו עסען, זאָג איך דיר: אַז עס וועט זיין, ווייל—

צווייטער שכן.

עס מוז זיין!

ערשטער שכן.

אַי וואָס? טאָמער וועט פּאָרט נישט זיין? איז ממה-נפשך: וועט זיין פּרנסה, איז דאָך מה-טוב! אלא וואָס דען?— עס זאָל הס-ושלום די שעה נישט זיין!—עס וועט נישט זיין, איז...

צווייטער שכן.

עס, עס וועט זיין, ווי איך פּסוק שטעהט: אָדם ובהמה תושיע ד׳ —גאָט העלפט מאַן און ווייב.

ערשטער שכן.

און די לאָגיקע איז טאַקי מחייב: איצטער האָסטו נישט קיין געלט, ווייל דו ביסט אַנ׳אָרימאַן, אָבער נאָך דער חתונה וועסטו זיין אַנ׳עושר. און אַז דו וועסט זיין אַנ׳עושר, וועסטו האָבען געלט.

צווייטער שכן.

אָט-אָט, מיינע טענות. מאַן דיהיב חיי, יהיב מזוני—ווער עס גיט לעבען, וועט געבען צום לעבען.

ערשטער שדכן.

און צוריק-גערעדט, סטאָמער וועסטו קיין געלט נישט האָבן, איז מה-רעש?

ערשטער שדכן.

וועסטו דאָך דערפאַר האָבן אַ ווייב. פון־וואַנען איז דאָס געדרונגען, אַז געלט אָהן אַ ווייב איז בעסער ווי אַ ווייב אָהן געלט?

צווייטער שדכן.

וואָס איז דאָס ווערט: נאָך דער חתונה וועט מען דאָך דיך אָנהויבן „איהרבען"! איך אַליין, למשל, וועל שוין דיר נישט זאָגען „דו", נאָר „איהר",—פערשטעהסט? דו ווערסט שוין גאָר אַ „רבי": רב גאָרגעלשטיין.

ערשטער שדכן.

גאָספּאָדין גאָרגעלשטיין! דער הערר גאָרגעלשטיין!

צווייטער שדכן.

נעהמסט אַ ווייב—אפשר איז דאָס גאָר איהר מזל, מצא אשה, מצא טוב!

ערשטער שדכן.

ווייס איך, גאָרגעלשטיין גלויבט אפשר נישט אין מזל. גאָרגעלשטיין גלויבט מסתמא, ווי איך, אין לאָגיקע אָדער פּסיכאָלאָגיע. פרעג איך: אַ כלי־זמר איז אַ מענש, צי ניין? איאָ אַ מענש? און אַ מענש דאַרף דאָך לעבען? איאָ? נאָר לאָגיטשנע זאָלסטו זיין. פרעג איך דיך: ווי האָסטו דאָס אַ האַרץ, נישט צו געבען צו פערדיענען אַ כלי־זמר אויף אַ שטיקעל ברויט? וואו איז דיין סאָוועסט? פּע! שעם זיך אין דיין ווייטען האַלז

צווייטער שדכן.

און רעד מיט ז״י, זאָגען ז״, אַז ביי די בהורים איז דער גאַנצער סאָוועסט.

ערשטער שדכן.

ווער האָט פון דיר הנאה? האָסטו אָבער חתונה—הויבען־אָן פון דיר לעבען אַ וועלט מיט מענשען: אַ כלי-זמר, אַ שדכן, אַ רב, אַ קאַזיאָנער רב, אַ מסדר־קדושין, אַ שמש, אַ סאַרווער, און גלאַט כלי־קודש.

צווייטער שדכן.

אונ ווער רעדט,, אם ירצה-השם, אין אַ יאָהר אַרום — אַ באָבע, אַ הייב-אַם, אַנ'אַקושערק, אַ מוהל און ווידער-אַמאָל אַ שמש און אַ —

ע... מנאַ, גיב אַהער זיין סורדוט! (סהועץ איהם אָן.- גאַרגעלשטיין הייל עפּיס זאָגען).

ערשטער שדכן.

וואָס? וואָס ווילסטו זאָגען? הער שוין אויף דיינע טענות!

צווייטער שדכן.

אַ מענש זאָל נישט לאָזען אויסרעדען אַ וואָרט!—שעמסט זיך געהן מיט אונז? איז מילא, וועלען מיר געהן אַליין, און דו וועסט אונ־טערקומען. אָבער תיכף־ומיד!

ערשטער שדכן.

סעי טשאַס!

(שדכנים אַב).

(פון דער טהיר רעכטס דערהערט זיך אַ טומעל. עס לויפען־אריין חאשע און וועל־וועל—אַ יונג פאָר-פאָלק, שטוביש געקליידעט, פערחושכ'טע, דערהען-אויס עלטער פון זייערע יאָהרען).

חאָשע.

קום, קום און זאָלען לייט אויך וויסען, וואָס פאַר אַ שלים־מזל דו ביסט! וואָס פאַר אַנ'אומגליק איך האָב! מען דאַרף דאָך שרייען אין די גאַסען, דאַרף מען! מען דאַרף דאָך שתאי-ציון די פּאַפּ-לעקציע קריגען! זיין בעל-הבית האָט איהם אָבגעזאָגט פון קאָנ-טאָר, נעהמט ער און קומט צו געהן אַהיים! גאָרנישט, פאַרטיג מיט דער קאַפּאָטע!

וועלוועל.

וואוהין-זשע האָב איך געזאָלט געהן, אין טעיאַטער אריין?

חאָשע.

צום בעל-הבית דאַרף מען געהן! די צייהן איהם אויסרייסען! אַ גאַנץ לעבען געהאָרעוועט ווי אַ פערד, געפּראַצעוועט! אַנגעבויט איהם הייזער, מיט קאַנטאָרען, מיט מעבעל, מיט קאָפּ-וועהסאַג איהם, מיט אַלע צרות אויף זיין קאָפּ!... גענומען און אָבגעזאָגט, צו אָבזאָגען זאָלען איהם דאָקטוירים, הערביגער גאָט!

שעלוועל.

אָבער וואָס בין איך שולדיג? און וואָס איז ער שולדיג? און וואָס האָסטו זיך צעשריען אין אַ פרעמדער שטוב?

חאַשע.

קוקט איהם נאָר אָן, מיין פאַרשוין! מיין בעל-פרנסה! וואָס איז ער שולדיג? איך וואָלט איהם די פענסטער אויסגעשלאָגען! איינגעבען אין גריבלט... איהר זאָלט מיר, פאַניע גאָרגעלשטיין, שוין אָנשרייבען אַ פּאַפּיר! ער וועט ביי מיר פערשוואַרצט ווערען!

שעלוועל.

אָבער וואָס ווערסטו מאַכען, אַז ער דאַרף מיך נישט האָבען אין קאַנטאָר, אַז די געשעפטען זיינען אַליין ליגען אין דר'ערד?

חאַשע.

אַ וודאי דאַרף ער דיך נישט! ווער דאַרף אַזאַ שלימ'מזל, ווי דו? איך פרעג דיך נאָר, וואָס האָסטו צו מיר? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף מיר? (וויינט)

שעלוועל.

ווער טשעפּעט דיך? ווער האָט צו דיר? לעב זיך ביז הונדערט-און-צוואַנציג יאָהר. נאָר איך זאָל לעבען ביז הונדערט-און-דריי-סיג. לאַ'מיך כאָטש זעהן יאָהר הנאה האָבען פון מיין לעבען.

חאַשע.

וואָס, פרעג איך דיך, האָסטו פאַר מיר התונה געהאַט? איך זאָל פאַר דיר פערשוואַרצט ווערען? (גאָרגעלשטיין וואַרפט פון זיך אַראָב דעם קראַגען). פערפינסטערט ווערען, אַז פערשוואַרצט און פערפינסטערט זאָלען ווערען די שדכנים, וואָס האָבען מיר מיין לעבען פערפינסטערט! ווען איך טרעף זיי, וואָלט איך זיי די אויגען אויסגעדראַפּעט!

שעלוועל.

גלויב מיר, אַז זיי וואָלטען פון מיר אויך נישט געלעקט קיין האָניג.

חאַשע.

זענומען מיך צו'אומשולדיג מיידעל, געשיינט ווי די ליכטיגע

זון, פון אַ שענעם יחוס, קיין איין געבאָרענער בעל-פּ־
זאַך נישטאָ אין אונזער משפחה!

וועלוועל.

זאָגט איהר, פאַניע גאָרגעלשטיין, אַז אַזאַ שטיק גאָלד זאָל איך האָבען, ס'אַר אַ שטיק פעטער זי האָט אַ זייגערמאַכער.

האַשע.

זאָגט איהם, פאַניע גאָרגעלשטיין, אַז אַ זייגערמאַכער איז, ראשית, אַנ'איידעלע מלאכה, כמעט גאָר קיין מלאכה נישט; והשנית—האָט ער געהאַט אַ פעטער, וואָס האָט צוליב זיין מלאכה זיך גע-מוזט בעצייטענס איבערטראָגען אַזש קיין אַרגענטינע!...

וועלוועל.

האַלט ס'מויל, האַשע! וואָרום איך ווער טוק אין כעס!

האַשע.

וואָס? וועסט מיך אפשר ווידער פּאַטשען?! מיינסט, ס'איז דיר די שבועות'דיגע פוטער-פלעצלעך!...

וועלוועל

(שטאַרק אויפגעקאָכט).

האַשע! דו זאָלסט מיר נישט דערמאָהנען די שבועות'דיגע פוטער-פלעצלעך! דו הערסט?

האַשע.

יוקאַ, דוקאַ. נישט געווען קיין פוטער-פלעצעל—האָז בעהאַלטען פון דיר?! געזופט, געכינעט, געפיכנעט!

וועלוועל.

אָבער פּענטש האָסטו געכאַפּט!

האַשע.

וועסט מיך אויך ווידער פּאַטשען? טאַ נאַ דיר! נאַ דיר!...

(עס ברעכט־אויס אַ געשלעג. אַלין אין צימער געהט כאַאָס. גאָרגעלשטיין וויל פונאַנ-דערנעהמען. האַשע פאַלט אין היסטעריק. מען מינטערט זי אָב און מען פיהרט זי אַוועק אין דער טהיר רעכטס).

גאָרגעלשטיין

(שמעכט אַ ווייל בעצומעלט. גיט אַ שפּיי.

טפו:! (וואַרפט־צורעק דעם סדור און לייגט זיך אין בעט. עס לויפען־אַריין די ש ד כ נ י ם

ערשטער שדכן.

שוין ווידער אין בעט?! און האָט אַ סורדוט! דו ביסט דאָך שוין געווען אין סורדוט.

צווייטער שדכן.

מען קאָן פון איהם משוגע ווערען!

ערשטער שדכן.

איך וואָלט נאָר וויסען, וואָס צווינס האָט ער מורא? ער וועט נישט שטימען מיט'ן ווייב? מחלוקת? עס וועט נישט זיין קיין שלום-בית? וויסען מיר דאָך אַלע, אַז עס איז נאַרישקייטען. מיט אַ ווייב בעקריגט מען זיך און מען ווערט באַלד שלום.

צווייטער שדכן.

דו, ברוך-השם, האָסט נישט, מיט וועמען צו קריגען זיך און מיט וועמען צו ווערען שלום.

ערשטער שדכן.

וואָרום אַזוי איז די לאָגיקע. וויל מען פערזוכען דעם טעם פון שלום, מוז מען זיך צוערשט בעקריגען. אָהן קריגע איז נישטאָ קיין שלום.

צווייטער שדכן

אין שלום אמר ר' לרשעים—דאָס מיינט מען די אַלטע בחורים.

ערשטער שדכן.

און אַז מאַן-און-ווייב ווערען שלום, איז דאָך דאָס ערשט אַ מחיה.

צווטער שדכן.

שים שלום, טובה וברכה

(גאָרגעלשטיין וויל עפּיס זאָגען, נאָר זיי שלאָגען איהם איבער).

ערשטער שדכן.

איך וויס, איך וויס, וואָס דו ווילסט זאָגען—קינדער!... איאָ?

צווייטער שדכן:

לאָז רעדען אַ וואָרט! אַ וואָרט לאָזט עס נישט אויסרעדען! געזעהן אַן עקשן—וואָס מען זאָגט איהם, זאָגט ער פערקעהרט.

ערשטער שדכן.

קינדער, ווילסטו זאָגען, קינדער ווילען עסען? קינדער בעטען עסען?

צווייטער שדכן.

גיט מען זיין!

ערשטער שדכן.

אַ וואָס? דו האָסט אַליין נישט צו עסען! איז ממה־נפשך: יזכּה זאָל זיין, איז דאָך אַודאי גוט; אלא וואָס דען—עס וועט, חס־ושלום, נישט זיין, איז— — —

צווייטער שדכן

עט, עס וועט זיין!

ערשטער שדכן.

און אַ קינד אַז מען קאָרב[illegible] [illegible] אַ גליק דאָס איז! אַ ווערטעלע צו זאָגען—אַ קינד גיט אַ שפּילו! אַ קינד גיט אַ שמייכעלע, אַ קינד! אַ קינד גיט אַ גלעט, פֿאַרגעהען דאָך אַלע וועהטאָגען! ווער, מ'שטיינס־געזאַגט, גיט דיר אַזאַ אַ גלעט?

צווייטער שדכן.

דער פֿאַריקמאַכער! דער פֿאַריקמאַכער גלעט אַהם... ביים ראַזירען.

ערשטער שדכן.

דאָס איז נאָך אַזעלכער, ווען דו ביסט אַ בחור, אָבער וואָס פֿאַר אַ פּנים וועסטו האָבען אָהן קינדער אויף דער עלטער!...

צווייטער שדכן.

ווען דו וועסט ווערען קראַנק, קראַנק און אָרים, אָרים און עלענד, עלענד און—

ערשטער שדכן.

אָרים, אָרים און קראַנק, קראַנק און עלענד, עלענד און—

צווייטער שדכן.

עובר־בטל, עובר־בטל!

(גראַנעלשטיין כאַפּט זיך פֿאַר'ן קאָפּ, לויפֿט זיך [illegible] צימער; די שדכנים נאָך איהם).

ערשטער שדכן.

זעהסטו שוין!? זעהסט שוין דעם כּח דיינעם? ווען אָבער דו האָסט קינדער, און די קינדער [illegible]: שבועות, חתונות, בריתן, בר־מצוות...

צווייטער שדכן.

אַ דור, אַ קדיש!...

ערשטער שדכן.

אַ פּאַקאָליעניע! אַ פּראָדאָלזשעניע סשעלאָוועטשעסקאַווא ראָדאַ!

צווייטער שדכן.

קיום האנושית!

ערשטער שדכן.

גאָר איך רעד שוין נישט פון שפּעטער. פאַני גאָרגעלשטיין איז אפשר נישט אַזאַ מיזאַנטראָפּ, וואָס זאָל וועלען פער׳דאגה׳נען די וועלט. פאַני גאָרגעלשטיין האַלט אפשר פון עגאָאיזמוס, איז דאָך טאַקי אָט-אָט-אָט, פון דער טאָטשקע זרעניע: קומסט אַהיים, עס רינגלען דיך אַרום דייגע קינדערלעך, שעגינקע, מחיה׳דיגע, ריי-נינקע, ראָזעווענקע, מרעהליכע, און דו שפּילסט מיט זיי, און דו טאַנצסט מיט זיי—

צווייטער שדכן.

אַך דו נעהמסט זיך מיט זיי אַראָב אויף אַ סעמיינע קאַרטע.

ערשטער שדכן.

יאָ, יאָ. איז דען פאַרהאַן נאָך אַ שענערע זאַך, ווי אַ סעמיינע קאַרטע? קוק זיך נאָר צו צו אַ סעמיינע קאַרטע און דו וועסט גלייך דערזעהן דאָס גליקליכע פאַמיליען-לעבען: ווי מען זיצט דאָס אַזוי אַלע צופרידען, די פּנימ׳ער שיינען. דער מאַן אין מיטען, דאָס ווייב ביי דער זייט, און די קינדערלעך אַרום— —

צווייטער שדכן.

ווי אין פּסוק שטעהט: אשתך כגפן פוריה בירכתי ביתך, בניך כשתילי זיתים סביב לשלחנך...

(גאָרגעלשטיין ווערט שוין ווייכער, אויף די ליפּען בעהייזט זיך אַ נאָכגיביגער שמייכעל).

ערשטער שדכן.

אַט פאָלג מיך, נישט זיי קיין עקשן. גיב-אַהער דעם סודרות.

(צווייטער שדכן טראָגט-צו דעם סודרות) טהו-אָן—אָט-אַזוי. (ביידע שדכנים טהוען איהם אָן דעם סודרות). אַ ווערטעלע צו זאָגען: קינדער! ביינאַכט דו לעגסט זיך שלאָפען, די קינדער טולען זיך צו דיר, פערוויגען דיך, און דו שלאָפסט-איין אַזוי זיס, אַזוי רוהיג...

צווייטער שדכן.

די רוהיגקייט! דער ישוב-הדעת! דער קלאָרער קאָפּ, היינט זעך הבליעט...

(אַ ברייטער שמייכעל צעגיסט זיך איבער גאָרגעלשטיינ׳ס פּנים).

ערשטער שדכן.

דאָס תּכלית בין איך דיר מוחל. גאָרגעלשטיין האַלט אפשר נישט אַזוי פון תּכלית, נאָר דער ציעל! דער ציעל אין לעבען!... פּאַרטיג. זאָלסט אָבער באַלד קומען!

צווייטער שדכן.

תּיכף-ומיד!

ערשטער שדכן.

סעי טשאַס!

(שדכנים [illegible]

עס לויפט אַריין שמואל, אַ צעדרעהטער יוד, מיט אַ קאַשקעט, וואָס איז פאַרדרייט אַ ליגקס, און מיט אַ צעשויבערטער באָרד, וואָס שטעקט רעכטס. מאַכט ער אַ מיהל.

שמואל.

אַ גוט וואָך! אַ גוט יאָהר! ביי אייך איז שוין נאָך דער לגאָטע? טפו, מיין איך נאָך הבדלה? עס ליגט מיר אַלץ די לגאָטע אין קאָפּ, מען האָט דאָך פאַרט געדאַרפט אָנשרייבען די פּראָשעניע וועגען מיין יונה׳ס לגאָטע, מיין יונה דאַרף זיך שוין שטעלען, האָב איך אָבגעלעגט אויף היינטיגען שבת-צו-נאַכט אַריינגעהן צו אייך. ער איז דאָך מיין איינציגער זוהן, ס׳הייסט פון דער עלטערער קאַטעגאָריע, מיין קאַרמילעץ, אַ געראָטען קינד. קען אַלץ אין דער וועלט, נאָר פאַרדיענען קען עס נישט. אפשר האָט איהר פונזיינעטוועגען אַ שטיקעל שטעלע? איהר געהט דאָך אַריין אין די הויכע הדשים... טפו, עס דרודעלט זיך מיר הויכע הדשים—מיין ווייב איז אויף דער בייט... יאָ, איז פאַר מיין זוהן, הייסט עס, אַ שטעלע. זאָל ער האָבען אויף פּאַפּיראָסען. גיט אַ פּאַפּיראָס! (גאָרגעלשטיין דערלאַנגט איהם אַ פּאַפּיראָס, שמואל כאַפּט-אַרויס פון גאָרגעלשטיינ׳ס מויל אַריין רויכערדיגען פּאַפּיראָס, פאַררויכערט פון איהם זיך אייגענעם און שטעקט גאָרגעלשטיינ׳ען אַריין צוריק דעם פּאַפּיראָס מיט׳ן פייער אין מויל) ער איז ביי מיר דער עלטערער-ס׳הייסט, פון טעלטער האָב איך נאָך עלטערע פון איהם.

כּלות, ס'הייסט, כּלות אָהן חתנים, געקאָפּטע טעטע, קלאָגן
פֿון אין דער וועלט. נאָר התונה האָבען קענען זיי נישט. יונגלעך
האָט איך בלויז קליינוואַרג. איך וואָלט שוין געהאַט נאָך אַ ביטעל-
טערען פֿון יונגה'ן, נאָר יענער איז, אונז צו לאַנגע יאָהר, געשטאָרבען
פֿון דיפטעריט... שטעהט נאָר! דאָס איז ער געשטאָרבען פֿון דיפ-
טעריט? טאָ ווער-זשע איז געשטאָרבען פֿון סקאַרלאַטין? און וועך
דאָס עס ביי מיר אַיינגעשלונגען אַ הייקע פֿון לייכטער? איך געדענק
שוין נישט. געוועג, ברוך-השם, אויסגעשטאַנען פֿון דיפטעריטען, האַפּאַ-
ליטעקעס, סקאַרלאַטינעס, זאַוועלקעס, זוביטענעס, מיט פּאָקען, מיט
מאָזלען, מיט וועקסלען... טפו! עס קריכען מיר די וועקסלען אין
קאָפּ אַריין... שטעהט, וואָס האָבען מיר היינט? (געהט-צו צום זיכריט-
קאַלענדער און הויבט-אָן רייסען בלעטלעך) היינט האָבען מיר דאָס ניינצעהנ-
טען, מאָרגען—דעם צוואַנציגסטען, איבערמאָרגען—דעם איין-און-
צוואַנציגסטען, איבער-איבערמאָרגען—דעם צווי-און-צוואַנציגסטען:
איין צאָהלונג, אַ צווייטע צאָהלונג, (רעכענט אויף די פֿינגער) אַ דריטע
צאָהלונג: איין גמילות-חסד, נאָך אַ גמילות-חסד, דריי גמילות-
חסדים... אפשר האָט איהר צו לייהען מיר עטליכע רובל אַ גמילות-
חסד? מאָרגען, אם-ירצה-השם, תיכּף נאָכ'ן מאַרק שיק איך פֿיין
אָב די תנאים... טפו: עס דרודעלט זיך מיר די תנאים... מזל טוב!
נעכטען האָט מיין טאָכטער אָבגעשיקט די תנאים. שוין געמאַכט,
בנאמנות, אויסגעגעבען אַ טאָכטער. וואָלט געוואָרען מיט אַ מיידעל
הענינער... שטעהט! וויפֿיעל מיידלעך האָב איך? איך מיט אַ מיי-
דעל, דאָס ווייב מיט אַ מיידעל, אַ מיידעל מיט אַ מיידעל, און אַ
מיידעל אַליין. ווען מען זאָל נאָך צו דעם צוגעבען מיין שוועהר,
וואָס איז געקומען צו פֿאָהרען מיט אַ ראַק, און מיין ווייב'ס אַ פּלי-
מעניצע, וואָס זיצט ביי מיר און וואַרט איך זאָל איהר חתונה-מאַ-
כען—האָט איהר שוין די גאַנצע קאַפּעליע. אַ הידוע, וואָס זיי זאָ-
גען: איך בין אַ בעהרעהמער! מען לאַכט פֿון מיר, וואָס צו איך
דערזעה מיינס אַ קינד אין דרויסען, פֿרעג איך: „יונגעלע, וועמעס
טאַטע'ס ביסטו?“... אָדער וואָס איך האָב אַנגעטרעט'ט קעגענטאָג דאָס
העמד געלאַפּט אַ פּלאַט לאָקשען און אַוועק אין מיטען אַריין! מען
פֿרעגט ביי מיר, פֿאַרוואָס, צו איך געה, אין גאַס, גיב איך קיינעם

נישט אָב קיין „גוט-מאָרגען"? איך וואָלט וועלן זיין אַ בעלן וויסען: אַז איהר וואָלט געהאַט אַ ווייב מיט צוועלף קינדער און האָבען צו טהון גאַנצע נעכט מיט צייהנדלעך, געשווירעלעך, מיט שטייפע העלזלעך און שוואַכע מעגעלעך און קראַנקע בייכעלעך — צי וואָלט איהר עמיצען אָבגעבען „גוט-מאָרגען"?... אייך איז גוט ווי די וועלט! איהר זענט אַ בחור, דרעהט אייך נישט דער קאָפּ איהר קענט שלאָפען רוהיג. פון בחור-ווייז-אָן געדענק איך נישט איך זאָל אָבשלאָפען אַ נאַכט ווי געהעריג איז. איך פליה אינדערפריה אין מאַרק און כאַפּ אַ קוק דורכ'ן פענסטער, ווי איהר שלאָפט אָהן עין-הרע, ווער איך נשתומם: ווי שלאָפט עס אַ מענש אַזוי רוהיג? איך, ברוך-השם, האָב נישט קיין טאָג און קיין נאַכט. כ'וויס, מען זאָגט: אַנדערע האָבען פון קינדער פערגעניגען, עס מוז, אַ פּנים, זיין אַזאַ מין פערגעניגען, ווי אַז מען קראַצט אַ מכה... אַך-כאָ-כאָ!... מען דאַרף זיך גאָר אַ ביסעל צושמייכלען ביי אייך. (שטעלט-אויס די קאָפּקעס און לעגט זיך אין בעט) וויפיל קאָסט אייער בע-טעל? אויף פּראָשינעס?—איהר דערוויל, פאַניע גאָרגעלשטיין, וועט אָנשרייבען די פּראָשעניע—און איך וועל מיר כאַפּען אַ דרעמעל. אַך-כאָ-כאָ...

(עס לויפט-אַריין אַ דערהיצטען מיידעלע, [illegible] ס אַ טעלער)

דאָס מיידעלע

(צו שמואל'ן, שלעפט איהם פון בעט).

טאַטע. טאַטע! די מאַמע געהט צו קינד!

(שמואל גיט זיך אַ כאַפּ, ניסט כמעט נישט לעבעדיג, וויל פאַכען די קאָפּקעס, כאַפּט ער אָנטהון אַ פּאָר הויזען. זוכט דאָס היטעל, כאַפּט יעדע הייליגע אַנ'אַנדער האַנט, אַנ-טלויפט מיט זיין מיידעלע. אויף די טרעפּ, דורכ'ן פענסטער, זעהט מען אַ שמאַיען פון מענשען אויף און אָב. גאָרגעלשטיין שטעהט אַ ווייל, בעטראַכט די מהומה. גיט אַ שפּיי, הערמט-אַראָב דעם סורדוט און לעגט זיך אין בעט אַריין. עס לויפען-אַריין די שדכנים).

דרייע שדכנים.

קאַק טיעביע ניע סטידנאָ? קאַק טיעביע ניע סטראַשנאָ? דו האָסט דאָך גאָר קיין מענשליכע פּסיכאָלאָגיע נישט!

צווייטער שדכן.

וואָס איז עפּיס אַזעלכעס פּיס קיין פּיס נישט? ווי פיל מאָל דאַרף מען דאָס צו דיר לויפען?

(גאָרגעלשטיין וויל עפּיס זאָגען, זיי שלאָגען איהם איבער).

ערשטער שדכן.

אָבער לאָז רעדען אַ וואָרט, אַ מאָס רייד!...

צווייטער שדכן.

לאָזט איהם, ער וויל זיך מיישב זיין.

ערשטער שדכן.

ביז וואַנען איז דער שיעור זיך מיישב זיין? ער פערגעסט אַ פּנים, אַז די מיידלעך וועלען זיך אויך מיישב זיין, און אַז די מיידלעך וועלען זיך אָנהויבען מיישב זיין, וועט זיין אַז אָך און וועה צו איהם...

צווייטער שדכן.

די גמרא זאָגט: עד עשרים שנה—ביז צוואַנציג יאָהר, יושב הקדוש-ברוך-הוא—זיצט דער רבונו-של-עולם. ומצפה—און וואַרט, לאָדם—צו דעם מענשען: מתי ישא אשה—ווען וועט ער נעהמען אַ ווייב? כיון שהגיע—וויבאַלד עס איז געקומען די צייט, ולא נשא—און ער האָט נאָך נישט גענומען, הקדוש-ברוך-הוא אומר—זאָגט גאָט: תפחנה עצמותיו—אַ קרענק איהם אין די ביינער!

ערשטער שדכן.

איצטער איז נאָך צו דערליידען. איצטער פרעגט מען נאָך ביי דיר: „פּאַניע גאָרגעלשטיין, פאַרוואָס האָט איהר נישט קיין חתונה?“ אָבער נאָך אַ ביסעל וועט מען דיך אָנהויבען צו פרעגען: „פּאַניע גאָרגעלשטיין, פאַרוואָס האָט איהר נישט חתונה געהאַט?“... דאַן, ברודער, איז גאָר פאַסקודנע, פון סיידען דו מיינסט, דו וועסט בעהמען אַ יונגע?

צווייטער שדכן.

נו יאָ, אַ האַרטער נוס מיט צעפּוילטע ציינער...

ערשטער שדכן.

אַ שען פּנים וועסטו האָבען: דו וועסט הוסטען, און זי נישט. אַ כלל וואָלסטו האָבען: אַ פּאָר-פאָלק האָט ליב, צו גיידע זאָלען

גלייך אָנהויבען הוסטען, אָבער ווען איז צו דעם פּאַי-בּיילק,
וואו איינער הייבט שוין אָן צו הוסטען און דער אַנדערער נאָך
נישט! עס פעהלט די האַרמאָניע, די פּראָפּאָרציע...

צווייטער שדכן.

אַז איך וויים גלאַט נישט, ווי לעבט עס אַ מענש צוהן אַ היים?

ערשטער שדכן.

אַהונט! אַהונט לעבט דאָך אויך בעסער. וואָס וויים אַ בחור
פון אַ היים? די זיסקייט פון אַ היים, די ליבקייט פון אַ היים!

צווייטער שדכן

אַנ'עלענדער מענש... אַ ביטערער צער, ווי איהר זעהט מיך אַ
יודען!

ערשטער שדכן.

אָט דאָס רעדט מען דאָך: די עלענדקייט! נעהמען מיר צום ביי-
שפּיל אַ פּרימער: צו וועמען געהסטו אַריין און ווער געהט צו
דיר? און טאָמער האָסטו וואוהין אַריינצוגעהן, איז דאָס איצט,
וויל דו ביסט נאָך יונג און דו האָסט נאָך די פּסיכאָלאָגיע צו-
זאַנימאַיען אַ געזעלשאַפט; אָבער אַז דו ועסט אַלט ווערען, וועט
דאָך דיך קיינער נישט אַרויפלאָזען אויפ'ן שוועל... האָסטו אָבער
דאָס ליבע ווייב מיט דער ליבער ווייבס גרויסער משפּחה—און
אַלע שליגגען דיינע טריט און אַלע האַלטען דיר אין איין טראָ-
גען: דער—דאָס, דער — יענץ; פּורים — שלח-מנות, המן-טאַשעלעך,
מאָהנדעלעך; פּסח—וויין, כלירטשיקעס—

צווייטער שדכן.

און דרשה-געשאַנק! דרשה-געשאַנק האָסטו פערגעסען? די טייערע
לעפּעלעך מיט דעם גוטען בודילניק...

ערשטער שדכן.

פרעמזלעך, מאַנשעלעטיטשיקעס... שבועות — פּוטער-פּלעצלעך, און
אַ גאַנץ יאָהר גלאַט מתנות, מתנות און מתנות!...

צחייטער שדכן.

אַז מען שמועסט—מען האַלט אין איין טראָגען!

ערשטער שדכן.

דער פּראָגעלט גענז, ברענגט ער די גריבען צו פּערוזכען, אַ ביי-

סעלע גפנזען-שמאַלץ, אַ פּוּפּיקעלע, אַ פּליגעלע, אַ הליזעלע, אַ לע-
בערל... ביי דעם האָט זיך די קיה אָבגעקעלבט—האָסטו אַ קריגע-
לע מילך, אַ דישעקעל זויער-מילך, סמעטענע, גרינזע, אַ שטיקע-
לע פּוטער. פרישע אויסגעשלאַגען, טוואַרעך-קעז.

בּזווייטער שדכן.

אַ קנישע! אַ קנישע!... נו מאַך זיך ניט גערייט. גיב אַהער דעם
סורדוט! (מהוען איהם אָן)

ערשטער שדכן.

שבּת, יום-טוב—האָסטו וואַהין צוּגעגאַנגען, דאָ אַ בּרית, דאָ אַ
חתונה, דאָ אַ בּר-מצוה! וואָרום אַ משפּחה האָט קרובים, און יעדער
קרוב האָט נאָך אַ קרוב...

בּזווייטער שדכן

און יענע קרובים האָבּען ווידער קרובים...

ערשטער שדכן.

און יענע קרובים האָבּען מקורבים...

צווייטער שדכן

און יענע מקורבים האָבּען מקורבים׳לעך...

ערשטער שדכן.

און יענע מקורבים׳לעך האָבּען נאָך מקורבים׳לעך...

בּזווייטער שדכן.

און יענע מקורבים— .— הכּלל, פאַרטיג!

(גאַרגעלשטיין טוהט פּלוצלונג אַ שפּרונג, ווערפט־אַראָב פון זיך דעם סורדוט און לייגט זיך אין בעט)

ערשטער שדכן

גוואַלד, יודען! ער איז משוגע געוואָרען!

צווייטער שדכן.

אַראָב פון זינען! הסר-דעה!

ערשטער שדכן.

ווייסטו וואָס? מיר וועלען איהם לאָזען צורוה! אויס!

צווייטער שדכן.

ער וועט נאָך אונז זוכען! קליגערע פון איהם האָבּען אונז געטענצט!

ערשטער שדכן

אַ געזעקן אַ פּאַראַדאָקס!

צווייטער שדכן.

ווילסט נישט חתונה האָבען, דאַרף מען נישט! לעב ווי אַ הונט, שטאַרב אונטער אַ פּאַרקאַן!...

ערשטער שדכן.

ער וועט דאָך נישט האָבען, וועט עס זאָל איהם אַפילו אַ ביסעל וואַסער דערלאַנגען...

צווייטער שדכן.

וועט עס זאָל איהם אַ הערציגניק בולעגען... און אַ הקדש וועט ער ערגעץ צעפוילט ווערען.

ערשטער שדכן.

איך פרעג נאָר מיין קשיה על־פּי לאָגיקע: זאָל דאָס אַנדערש זיין, אַ ווייב איז טאַקע אַזאַ שלעכטע זאַך, ווי דו מיינסט—סאַ פרעגט זיך: פאַרוואָס, אַז ביי איינעם, רחמנא ליצלן, שטאַרבט דאָס ערשטע ווייב, נעהמט ער גלייך אַ צווייטע?

צווייטער שדכן

און אַ דריטע, און אַ פערטע...

ערשטער שדכן

האָט נאָך עמיצער אויף דיר געוואַרט, ווי עס וואַרט אַ טריי־איבער־געגעבען ווייב אויפ׳ן מאַן? מ׳שטיינס געזאָגט, אַז דו קומסט צו פאָהרען, ווער וואַרט אויף דיר, ווער?

צווייטער שדכן,

דער איזוואָזטשיק... דער איזוואָזטשיק וואַרט אויף איהם.

ערשטער שדכן;

היינט דער אומעט! דער אומעט, וואָס אָהן אַ ווייב!

צווייטער שדכן.

כל השרוי בלא אשה, שרוי בלא שמחה.

ערשטער שדכן

„אַליין זאַלסטו עסען דיין ברויט”,—איז דען פאַרהאַן נאָך אַן ערגערע קללה? האָסט אָבער אַ ווייב און דו קומסט אין דער וואַרימענקע, מהיה׳דיגער חיים און דו זעצט זיך אַוועק, און זי זעצט זיך דיר אַוועק אַנטקעגען, און איהר עסט זיך צוזאַמען. דו רוקסט דאָס פליייש צו איהר, און זי צו דיר, און זי רעדט זיך,

און דערצעהלט, און טערעלאַיקעט, ווי אַ פּויגעלע, און פּישטשעט,
ווי אַ קאַנאַריק, און רעדט און רעדט —

צווייטער שדכן

(אין אַ זייט.)

אַז אַנטשיימט זאָל זי ווערן... (הויך) אַ ווערטעלע צו זאָגען — אַ ווייב!

ערשטער שדכן.

וויז דען פאַרהאַן אַ מעהר איבערגעגעבענע זאַך, ווי אַ ווייב? אַזאַ עהרליכע, אַזאַ טרייע זאַך, ווי אַ ווייב? הן אין ליידען, הן אין פריידען... נו גיב דיין כורדוט! (שלעפּען איין איהם דעם כורדוט).

צווייטער שדכן.

הן אין גוטע אַבסטראַקטעלטעוועס, הן אין שלעכטע אַבסטראַקטעלטעוועס...

ערשטער שדכן.

אַ ווייב איז אַ פריינד, אַ ווייב איז אַ חבר, אַ טאָוואַרישטש...

צווייטער שדכן

אַ ווייב איז אַ מאַמע, אַ ווייב איז אַ שוועסטער...

ערשטער שדכן,

אַ ווייב איז אַ בעל־הבית'טע, אַ פערשפּאַרערין, אַ'עקאָנאָמיע... אַ שפּאַס, פּאָליטישעסקע עקאָנאָמיק!...

צווייטער שדכן

זי פערצירעוועט איהם אַ זאָק, זי נעהט איהם איין אַ קנעפּעל, גיט איהם וועש אין מרחץ אַריין!...

ערשטער שדכן.

דו קריגסט אַ רעמאַטיזם — שמירט זי דיך מיט רעמאַטיזם-עסיג

צווייטער שדכן.

דו קריגסט אַ געשוויר — מאַכט זי דיר אַ האָניג-טייגעלע!

ערשטער שדכן

דו קריגסט בויך-וועהטאָג — לעגט זי דיר צו אַ הייסע קאָמפּרעס-

צווייטער שדכן

דו בעקומסט אַ שטעכעניש אין די זייטען — לעגט זי דיר צו אַ גאָרטשיטשניק!

ערשטער שדכן.

דו גיסט אַ ניס—זאָגט זי דיר: „צו געזונט"!...

צווייטער שדכן.

און גיט אַ ציה פאַר'ן אויער!

ערשטער שדכן.

און—און— —

צווייטער שדכן.

און זאָגט: „לישועתך קויתי

(געהעלסטיין שמייכלט)

ערשטער שדכן.

אַט־אַט־אַט. איך זעה, דו ווילסט שוין, אַז אַזוי האָב איך דיך ליב, קום־זשע צוגעהן סעי טעמפּס!

צווייטער שדכן.

תיכף־ומיד!

(שדכנים אָב).

(עס לויפט־אַריין ליוויק—אַ געלער יונגערמאַנטשיק, האַלט זיך מיט איין האַנד בײַ אַ רויט־געשוואָלענער באַק).

ליוויק.

שרייבו! שרייב אַ פּאַפּיר! איך וועל איהם אין דער ערד אַריינלעגען! איך קאָנטאָרדזשנע ראַבאָטע וועל איך איהם פערשיקען! אַ מאַדך קען! שלאָגען דיך גאָר! יאָשקע פלאָכט, אַ רוח אין זיין טאַטענס טאַטען אַריין! אי טאָמו פּאָדאָבנאָיע! דיך איינגעבלעט מיט מיין ווייבעלע!... זי ווערט פאַר איהם די כפרה. ער האָט איהר עפּיס צוגעטהון... איך רעד שוין נישט פון זיך. נאָר די בזיונות פאַר לייטען, פאַר דער וועלט, פאַר'ן מאַרק אי טאָגו פּאָדאָבנאָיע!... און וואָס עס האָט נאָך מיך מעהר פערקאָכט, איז — האָרט אַ מעשה... יאָ, איהר ווייסט דאָך, אַז אַ גאַנץ יאָהר זיצט מיין זינאַ אויף אַ דאַטשע אין משפּעריאַבלאָנע, ווארום זי איז דאָך אַ אינטעליגענטקע, דאַרף זי האָבען אַ דאַטשע. מילא. זיין דיך געזונטערהייד מיט דיינע אינטעליגענטען, מיט דיינע געסט אויפ'ן דאַטשע, און איך וועל מיר זיצען אין שטאָדט און האָרעווען ווי אַ נאַרוועל... אי טאָמו פּאָדאָבנאָיע... וואָס־זשע מהוס זי? שרייבט

זי זיך צונויף מיט איהר ליובאָווניק יאַשקע שאַרלאַטאַן און מען
פאָהרט ביידע אַוועק קיין קרעמענטשוג און מען לעבט דאָרטען
דעם גוטען טאָג מיט דער גוטער נאַכט—אי טאָמי פּאָדאָבנאָיע...
און איך לויף דאָ אַרום, ווי אַ משוגע'נער, זוך פאַר מיין זינעטש-
קע'ן די גוטע קאַקאַן מיט דעם גוטען שאָקאָלאַד, מיט די קאָנ-
פעטען, מיט עפּעלעך און באַרעלעך, און אַייל מיך יעדען טאָג
צום קאָשטשיטאָנער, איך זאָל חלילה מיט מיינע פּאָסילקעס נישט
פאַרשפּעטיגען, מיין זינעטשקע זאָל עס האָבען אין דער צייט,
זי זאָל חס-ושלום קיין עגמת-נפש נישט האָבען; ווערום אַז זי
איז צופרידען, בין איך דאָך איבערגליקלין. אָזאַ פּרא-קלדם בין
איך! אי טאָמו פּאָדאָבנאָיע. אַז מיין זינעטשקע עסט, איז מונקט
ווי איך אַליין עס,—אָזאַ בהמה בצורת פערד בין איך, אי טאָמו
פּאָדאָבנאָיע... און מיין זינעטשקע זיצט גאַר ערגעץ מיט איהר
שאַרלאַטאַן אין קרעמענטשוג און טהוט זיך וואַוילסאַגען... יאָ,
געכטען, ווי איהר ווייסט, איז זי געקומען מיט די קינדער פון
דאַטשע. איך טהו אַ קוק, מיין משה'ל האַלט אַ פידעלע מיט אַ
פייפעלע, אי טאָמו פּאָדאָבנאָיע. פרעג איך איהם: משה'לע, ווער
האָט עס דיר געגעבען דאָס פידעלע און דאָס פייפעלע? ענטפערט
ער: דער פעטער יאַשע, געווען אין קרעמענטשוג... איהר פער-
שטעהט?! דאָס האָט ער, ימח שמו, געקויפט דאָס פידעלע מיט'ן
פייפעלע, אַז פידלען און פייפען זאָל איהם אין האַלז! אי טאָמו
פּאָדאָבנאָיע... זי איז אין שטוב נישט געווען. שוין געגאַנגען מיט
איהר ממזר אויף אַ פּראָדאַנע ערגעץ. קלער איך: זי וועט קומען.
וועל איך שוין איהר ווייזען, ווער עלטער איז!... איז אָבער אַ
צרה, אַז ווי איך דערזעה זי, געה איך אָב פון כעס און הויב
גאָר אָן צו פרעגען: אבער זאָל איך שטעלען דעם סאַמאָוואַר;
אפשר דאָס, אפשר יענץ? אַזאַ אָקס בין איך, אי טאָמו פּאָדאָב-
נאָיע... נאָר אויף איהם, אויף דעם ממזר, ברענט מיר מיין האַרץ.
זאָל ער נאָר קומען, וועל איך איהם שוין ווייזען... ערשט ויבוא
המן! — געקומען ביידע, געצאַרטעלט, ווי די טייבעלעך... ווער איך
אַנ'אָנגעצונדענער, גיב אַ גיה צו איהם און זאָג—און דווקא מיט
גוטען, געלאַסען: בזוגיע יאַשע,—זאָג איך צו איהם,—איז דאָס א

יושר צו ראַסטראָיען דעם כעמיינעם לעבען פון אַ סעמייכטוואָ? אי טאָמו פאָדראָבנאָיע... אַז ער לאָזט עס מיר נישט אַראָב אַ פּלעם טאַמע אונטער'ן אויער, אַז איך האָב געמיינט, מען האָט אויף מיר אויסגעטאָסען פון אַ האַרמאַט. וואָלט איך דאָך נישט געשוויגען און געמאַכט גוואַלדפן,— איז אַ הרבה פאַר לייטען, לייטישע געלעכטער, אי טאָמו פאָדראָבנאָיע. נאָר ניש'קשה! (הויך, מיט כעס) איך וועל... (עס קומט־אַריין זינאַ מיט יאָשקע שאַרלאַטאַן, וועלכער בלייבט האַרי־לעריש שטעהן אין טהיר). זינעטשקאַ! הי, הי, הי... דו געהסט שוין צוועק? וואוהין געהסטו דאָס ערגעץ?

זינאַ.

ניע טוואָיאָ דיעלאָ, אידיאָט! (קרימט איהם איבער) „וואוהין געהסטו?“ סי באָליען גאָוואָריט פאָ רוסקי? סקאָלקאָ ראַז יאַ טעביע גאָוואָרילאָ, טשטאָבי טי גאָוואָריל טאָלקאָ פאָ רוסקי!

לייזיק.

ווינאָוואַט! קודאַ טי ספעשאַיעש, זינאָטשקאַ?

זינאַ

„ווינאָוואַט“? וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז אַ אינטעליגענטער מענש זאָגט נישט „ווינאָוואַט“, נאָר „יאַ איזוויניאַיוס“. דוראַק נאַביטי!

לייזיק

ווינאָוואַ—מיין איך... איזוויניאַיוס... יאַ, יאַ ... זאַבילסיאַ ... יאַ ... טוטי גאָוואָרו־טעביע... אַ יאָן סעביע... גאָוואָריט—

זינאַ

גאָוואָריט. גאָוואָריט!... וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, אַז מען דאַרף זאָגען: גאָוואָריט, גאָוואָריט! די אודאַרעניע נאַ פּאָסליעדנעם סלאָגע. זיעבען יאָהר נאָך דער חתונה, אַז איך לערן איהם זאָגען „גאָוואָריט“, און ער—ווי צו דער וואַנט. אידיאָט!

לייזיק

(הזר'ט).

גאָוואָריט, גאָוואָריט, גאָוואָריט.

זינאַ.

באָזשע מאָי, באָזשע מאָי! קאַק יאַ סטראַדאַיו, טשטאָ מאָי מוזש

ניע אינטעליגענטני טשעלאָוויעק! וויפיל מאָל איך בעט זיך ביי איהם: ווער א אינטעליגענט! מאַך אַ אינטעליגענטנעם פּנים!

ליווי׃

אָבער פון וואַנען זאָל איך קענען זיין אַ אינטעליגענט, פון די גוים אין מאַרק? איך בעט זיך ביי איהר, ווי ביי אַ גזלן: נאָ׳מיר כאָטש אָבלעגען אויף שבת. שבת וועל איך זיך סטאַרען צו זיין אַ אינטעליגענט, רעדען רוסיש; אָבער אין מיטען וואָך—ווער האָט צייט דערצו און ווער האָט כּח דערצו! אַדרבה, ספּראָשי יעוואָ, יאָן טאָזשע גאָוואָריט...

ווינ׳

(חערט אָנגעצונדען).

ווידער גאָוואָריט! איך וועל פון איהם שטאַרבען! וואָס האָסטו צו מיר?

(גאָרגעלשטיין חארפט צראָב דעם קאָלנער).

יאַשקע׃

אַסטאַוו יעוואָ, אַסטאַוו... פּאָידיאָם

ווינאַ.

ביי לייטען אַ מאַן איז אָבראַזאָוועט און ראַזוויט, קען ראַסוּזש־דאַיען אַ ראַסוזשדעניע. שטעלט אַמאָל אַריין אַ אינאָסטראַנע וואָרט: „ווּפּעטשאַטליעניע”, „אוּביעזשדעניע”, „פּרלוויריזאַטאָר”... און ער; גאָוואָריט! קוים מיט צרות איהם איינגעדויבעט אין מוח, ער זאָל זאָגען „אי טאָמו פּאָדאָבנאָיע”... אידיאָט! נו שוין! גיב אַהער עפּיס געלט! מען דאַרף געהן אין קינעמאַטאָגראַף!

ליוויק.

הי-הי! וויפיל דאַרפסטו? געהסט אין קינעמאַטאָגראַף? (גיט איהר געלט).

ווינאַ׃

און געה אַהיים! לעג די קינדער שלאָפען! אָלוך נאַביטי... קומט, גאָספּאָדין פיינבערג! דאָסוידאַניאַ, גאָספּאָדין גאָרגעלשטיין! דאָס־ווידאַניאַ וואַט! (באַפּט יאַשקע׳ן אונטער׳ן אָרעם און פליהט אַוועק).

ליזויק.

ווי געפעלט אייך עפּיס? טאַקי גאָר ווי מען זאָגט איז טעאַטער: „אַ ווייב פאַר יענעם—פאַר זיך אַ גיהנום״..

(ליזויק מיט גאָרגעלשטיינ׳ען קוקען־זיך־אָן אַ ביסעל אין די אויגען, אויף די הענער. ליזויק שפּייט־אויס: „טפו!״—און לויפט־אַרויס. גאָרגעלשטיין בעגלייט איהם אויך מיט אַ שפּיי: „טפו״, וואַרפט אַראָב דעם סורדוט און גיט זיך אַ וואָרף אין בעט. באַפּט־זיך־אויף, טראַכט אַ ביסעל, נעהמט עפּיס זוכען, געפינט אַ שטריקעל, פאַרוואָרפט־עס אויף אַ האָק, וואָס שטעקט פון סטעליע, שטעלט־צו אַ שטוהל, מאַכט אַ שליף, טהוט־אָן דעם שליף אויפ׳ן האַלז, נעהמט זיך הערגען. עס לויפען־אריין די שדכנים, לויפען צום בעט, ניסט געפינענדיג איהם, קוקען זיי זיך אַרום; און דערזעהענדיג איהם הענגענדיג, מאַכען זיי גוואַלדען: „אַ מעסער! אַ מעסער!״—שניידען־איבער דאָס שטריקעל. עס לויפען־אָן שכנים, מען מינטערט איהם אָב. עס הערען־זיך שטימען: „ער לעבט נאָך״... „נאָך וואַרים״... די שדכנים טראָגען איהם דערווייל אָן דעם קראַגען אין סורדוט).

ערשטער שדכן.

ווייס איך, וואָס פאַר אַ משוגע׳נע שטיק מאַכסטו! קום שוין, קום!

צווייטער שדכן.

הענגען זיך גאָר! געזעהן אַ ביסעל?

ערשטער שדכן.

אַ בחור דאַרף חתונה האָבען!...

(די שדכנים פיהרען איהם אַרויס)

פאָרהאַנג.

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

Presented to the

LIBRARY *of the*

UNIVERSITY OF TORONTO

by

THE MULTICULTURAL
HISTORY SOCIETY
OF ONTARIO

3 1761 05058641 1

PJ
5129
T85H6
1920
c. 1
ROBA

DER TUNKELER — NARZECZONY
HUMORESKA

WYDAWNICTWO
B-CI LEWIN-EPSTEIN I S-KA
WARSZAWA, GĘSIA 5.